ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## אמור

**(חלק יז — שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות — שבוע פרשת אמור, יג־יט אייר, ה׳תשפ״א (א)

לעילוי נשמת
הרה"ת ר' **יצחק מאיר** בהרה"ת **יוסף אברהם** ז"ל
**קאגאן**
שליח כ"ק אדמו"ר זי"ע בעיר דעטראיט, מישיגען
עסק בהפצת היהדות והמעיינות
בתרגום ועריכת תורת רבינו באנגלית
•
נדפס בקשר עם יאָרצייט העשרים
כ' אייר ה'תשס"א־ה'תשפ"א
ת' נ' צ' ב' ה'

ולזכות
הילדה **יוכבד** בת **לאה טויבא** תחי' **וילהלם**
לרגל הכנסה לגיל מצוות
ג' אייר, ה'תשפ"א

Likkutei Sichot
Copyright © 2021
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# אמור

א. מ׳האָט שוין פיל מאָל גערעדט וועגן דעם דיוק בתכלית פון לשון פרש״י על התורה, ניט נאָר די ווערטער פון זיין פירוש, נאָר אויך די ווערטער פון פסוק וואָס ער איז מעתיק (פאַר דעם אָנהייב פון זיין פירוש).

עפ״ז פאָדערט זיך אַ ביאור אין אַ פרש״י אין אונזער פרשה: אין אָנהייב פון פ׳ המועדות[1] (נאָך דער הקדמה „וידבר גו׳ דבר אל בנ״י גו׳ מועדי ה׳ גו׳ אלה הם מועדי״) זאָגט דער פסוק[2]: „ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון מקרא קודש כל מלאכה לא תעשו גו׳״ (און דערנאָך איז די תורה ממשיך אין די פסוקים נאָכדעם „אלה מועדי ה׳ גו׳״ און רעכנט אויס אַלע מועדים).

פון דעם פסוק איז רש״י מעתיק די ווערטער „ששת ימים״ און איז מפרש: „מה ענין שבת אצל מועדות ללמדך שכל המחלל את המועדות מעלין עליו כאילו חלל את השבתות וכל המקיים את המועדות מעלין עליו כאילו קיים את השבתות״.

איז ניט מובן: די קושיא אין פסוק איז דאָך — בל׳ רש״י — „מה ענין שבת אצל מועדות״, האָט ער דאָך לפי״ז געדאַרפט מעתיק זיין די ווערטער „וביום השביעי שבת״, און נאָר די ווערטער — אַנשטאָט דעם ברייננגט ער גאָר „ששת ימים״ און „וביום השביעי שבת״ — דייט ער אפילו ניט אָן דורך צוגעבן דעם וואָרט „וגו׳״[3]?!

ב. לכאורה וואָלט מען געקענט לערנען, אַז מיט׳ן מעתיק זיין „ששת ימים״ איז רש״י אויסן ניט די געבראַכטע צוויי ווערטער כשלעצמם, נאָר (אַלס התחלה פון) דעם גאַנצן פסוק —

ווי מיר געפינען בכמה מקומות אַז רש״י איז מעתיק די התחלה פון אַ פסוק אָדער פון אַ ענין (ניט צוגעבענדיק אפילו „וגו׳״), און זיין פירוש באַציט זיך צום גאַנצן פסוק אָדער ענין.

ולדוגמא: אויפן פסוק[4] „ועשו את האפוד״ זאָגט רש״י: „אם באתי לפרש כו׳ לכך אני כותב מעשיהם כמות שהוא כו׳״ און איז מפרש ומבאר אַלע פרטים פון עשיית האפוד וואָס שטייען אין דער גאַנצער פרשה, און פונדעסטוועגן איז רש״י מעתיק פון פסוק נאָר די ווערטער „ועשו את האפוד״ (און אָן דער הוספה „וגו׳״);

אַזוי אויך אין פרש״י (וואָס קומט גלייך נאָך זיין פי׳ אויף „ששת ימים״) אויפן פסוק „אלה מועדי ה׳ מקראי קודש אשר תקראו אותם במועדם״, וואו רש״י איז מפרש דעם טעם הכפל פון דעם גאַנצן פסוק, און פונדעסטוועגן איז ער מעתיק נאָר התחלת הכתוב „אלה מועדי ה׳״ — און אָן אַ „וגו׳״.

אָבער מען קען ניט לערנען אַזוי בנדו״ד, ווייל רש״י באַנוגנט זיך מיט

1) כג, א ואילך.

2) שם, ג.

3) עד״ז צ״ע בפרש״י ר״פ ויקהל (לה, ב): „ששת ימים — הקדים להם אזהרת שבת וכו׳״.

4) תצוה כח, ו.

מעתיק זיין התחלת הכתוב והענין נאָר דאַן ווען די התחלה אַנטהאַלט (לכה״פ אַ טייל פון) דעם תוכן הענין וועלכן ער איז מפרש — ע״ז ווי אין די דוגמאות הנ״ל: רש״י באַנוגנט זיך ניט מיט מעתיק זיין „ועשו", נאָר איז מוסיף אויך „(ועשו) את האפוד", ווייל דאָס איז די נקודה וואָס רעדט זיך אין זיין פירוש — עשיית האַ־פוד; עד״ז אין פסוק אלה מועדי גו', איז ער מעתיק ניט בלויז „אלה", נאָר „אלה מועדי ה'" —

אין אונזער פאַל אָבער: אין פרש״י דאָ איז נוגע דער „(מה) ענין שבת כו'", און די ווערטער „ששת ימים" גיבן ניט אַרויס (אפילו ניט אַ טייל פון) דעם „ענין שבת".

ג. נאָך אַ שאלה אין לשון רש״י: פאַר־וואָס הייבט אָן רש״י מיט דער שלילה — „שכל המחלל את המועדות כו'", און ניט מיט דעם צד החיובי — „כל המקיים את המועדות כו'", בפרט אַז דער פסוק וואָס פאַרגלייכט זיי רעדט בחיוב שמירתן?

(און כאָטש דער פירוש (אין דעם סדר) איז גענומען געוואָרן פון תורת כהנים[5] — איז (נוסף וואָס דער תו״כ — לגירסתנו — שטעלט זיך ניט אויף ווערטער פון פסוק נאָר אויפן ענין בכלל, איז) דאָך ידוע (ווי גערעדט שוין כו״כ פעמים) אַז רש״י בפירושו איז ניט מעתיק מארז״ל דוקא בלשונם, נאָר ווי עס גיט אַ הסברה אין פשש״מ און — אויך אין אַזאַ סגנון).

לכאורה וואָלט מען געקענט פאַרענט־פערן: מיט צוגלייכן יו״ט צו שבת איז דאָך דער פסוק בעיקר אויסן צו באַוואָ־רענען מ'זאָל ניט מקיל זיין אין עשיית מלאכה ביו״ט, טראַכטנדיק אַז די גאַנצע קביעות (ובמילא — איסור מלאכה) פון יו״ט איז תלוי אין ב״ד[6] — און דערפאַר באַשטייט דאָ דער עיקר הדגשה ואזהרה אין „כל המחלל את המועדות מעלין עליו כאילו חלל את השבתות" — און מהאי טעמא הויבט אָן רש״י מיט דעם עיקר („כל המחלל כו'"), און ערשט דערנאָך ברייינגט ער דעם המשך („כל המקיים כו'").

אבער דער תירוץ איז ניט מספיק, וואָרום וויבאַלד אַז דער דמיון פון יו״ט צו שבת ווערט אין פסוק אויסגעדריקט (ניט דורך אַ שלילה — פון חילול שבת, יו״ט, נאָר) דורך דעם חיוב וציווי פון שמירת וקיום המועדות (און פון דעם לערנט מען אָפּ דעם ענין פון „כל המחלל כו'"), האָט רש״י געדאַרפט אין פירוש הכתוב אויך שרייבן נאָר דעם חיוב, אָדער עכ״פ שרייבען לויטן סדר ווי מ'לערנט עס אָפּ פון פסוק — „כל המקיים כו'" און דערנאָך „כל המחלל כו'"?

ד. דער ביאור בזה:

די שאלה „מה ענין שבת אצל מועדות" בנוגע שבת פאַר זיך, איז ניט קיין גרויסע תמי' אין פשוטו של מקרא[7], ווייל (ווי עס ענטפערן כמה ממפרשי התורה) אויך שבת ווערט נכלל אין „אלה מועדי ה' גו'" וויבאַלד עס קען אָנגערופן ווערן „יום מועד"[8], זייענדיק אַ טאָג וואָס איז אסור במלאכה; און אפילו אויב מ'זאָל אָננעמען אַז שבת קען ניט אַריינגיין אין דעם סוג פון „מועדי

5) עה״פ.

6) ראה משכיל לדוד כאן. מלבי״ם ותו״ת כאן.

7) ובאברבנאל כאן כתב דמה שפירש רש״י „דרך דרש הוא".

8) רמב״ן כאן (בפי' הא'). בחיי כאן.

ה׳ אשר תקראו גו׳״, קען מען פונדעסט־וועגן איינלערנען, אַז דער פסוק דער־מאָנט בדרך אגב וועגן שבת, כדי מודיע זיין דעם חילוק צווישן שבת און יו״ט[9] — (א) שבת איז ניט תלוי אין ב״ד, משא״כ יו״ט[9]; (ב) שבת ווערט אָנגערופן אויך „שבת שבתון״ וויבאַלד אויך מלאכת אוכל נפש איז אסור[10], משא״כ יו״ט;

די תמי׳ פון רש״י איז דאָ בשייכות צו דער הקדמה צו שבת: „ששת ימים תעשה מלאכה״ — ביים ערשטן ציווי[11] אין דער תורה אויף שבת, איז מובן פאַרוואָס מ׳דאַרף מקדים זיין „ששת ימים וגו׳״[12], וואָרום די תורה קומט דאָ אָנזאָגן אַז שבת איז אסור בעשיית מלאכה, באַוואָרנט פריער דער פסוק אַז מען זאָל זיך ניט זאָרגן וועגן פרנסה וכיו״ב, ווייל „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך״[13],

[ועוד: א) די הקדמה „ששת ימים גו׳״ איז בהתאם צום המשך הכתוב דאָרט, אַז דער טעם אויף שמירת שבת איז „כי ששת ימים עשה ה׳ גו׳ וינח גו׳״[14]; ב) פון „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך״[15] לערנט מען אָפּ — ווי רש״י ברענגט עס אַראָפּ[16] — „כשתבא שבת יהא בעיניך כאילו כל מלאכתך עשוי׳ וכו׳״].

אָבער דאָ, אין פ׳ אמור, וואָס איז ניט דער עיקר אָרט אויף אזהרת שבת (עס ווערט דערמאָנט דרך אגב צוליב די מועדים), שטעלט זיך די שאלה: וואָס פאַר אַ שייכות האָט די הקדמת ששת ימים פון שבת צו די „מועדות״ — די תורה האָט געדאַרפט אָנהייבן „ביום השביעי שבת שבתון גו׳״?

און די שאלה פאַרענטפערט רש״י דורכן מקדים זיין (דאָס וואָס חז״ל זאָגן) „מה ענין שבת אצל מועדות ללמדך שכל המחלל כו׳״ — אַז דער פסוק וויל דאָ צוגלייכן די האַרבקייט פון עשיית מלאכה במועדות צו דער האַרבקייט פון עשיית מלאכה בשבת, וואָס דערמיט ווערט שוין במילא פאַרשטאַנדיק פאַר־וואָס די תורה שטעלט די הקדמה „ששת ימים תעשה מלאכה״.

ה. די הסברה אין דעם:

„ששת ימים״ באַדייט ניט (בלויז) אַ סכום פון זעקס באַזונדערע טעג, נאָר ס׳מיינט (אויך) אַ מציאות פון „איין זאַך״ אַ זמן אין באַשטאַנד פון „ששת ימים״, ווי רש״י טייטשט מיט עטליכע פסוקים ווייטער[17]: „כל מקום שנאמר שבעת שם דבר הוא שבוע של ימים .. וכן כל לשון שמונת ששת כו׳״ איין זעקס־טאָגיקע, אָדער זיבן־טאָגיקע, אָדער אַכט־טאָגיקע תקופה.

און דאָס מיינט „ששת ימים תעשה מלאכה״: דער אויבערשטער האָט גע־געבן אַן אויסגעטיילטע מציאות פון

---

9) אברבנאל כאן. וראה ג״כ רמב״ן הנ״ל (בפי׳ הא׳).

10) רמב״ן ואברבנאל כאן. וראה רמב״ן כאן, דבא עוד ללמד דיו״ט שחל בשבת אסור במלאכת אוכל נפש.

11) יתרו כ, ח ואילך.

12) שם, ט.

13) ועד״ז בר״פ ויקהל (שבהערה 3), כי שם ה״ז הקדמה — כפירש״י שם — לציווי מלאכת המשכן, ולכן מקום להוסיף „ששת ימים״ — שבהם חל הציווי.

14) ולכן נשנה ג״כ בפ׳ תשא (לא, טו) כי מסיים שם (פסוק יז) „כי ששת ימים גו׳״.

15) יתרו שם.

16) ממכילתא עה״פ (בשינוי לשון).

17) פסוק ח. ועד״ז גם בפרש״י לעיל בא י, כב. יב, טו. ואכ״מ.

„ששת ימים" וואָס נאָר אין איר איז דערלויבט געוואָרן עשיית מלאכה — דאָס הייסט, אַז די אַלע זמנים וואָס זיינען ניט אין דער תקופה פון די (וואָכענדיקע) „ששת ימים" (ימי החול), זיינען אסור במלאכה.

עפ"ז איז מוסבר וואָס די תורה איז מקדים אין אָנהייב פון פ' המועדות „ששת ימים תעשה מלאכה": דערמיט איז די תורה מגדיר צוויי כללות'דיקע תקו־פות וסוגי זמן בנוגע עשיית מלאכה: א) דער זמן פון „ששת ימים", וואָס איז מותר במלאכה — „תעשה מלאכה"; ב) יעדער אַנדער זמן — אסור במלאכה[18].

ובמילא איז פאַרשטאַנדיק וואָס מ'לערנט אָפּ דערפון, אַז „כל המחלל את המועדות כו' כאילו חלל את השבתות וכל המקיים כו' כאילו קיים את השב־תות", כאָטש אַז בנוגע צום עונש וכיו"ב איז ניט גלייך דער איסור פון עשיית מלאכה ביו"ט צום איסור בשבת, אָבער בכלל איז עשיית מלאכה ביו"ט (וויבאַלד ס'איז ניט נכלל אין „ששת ימים") אין זעלבן סוג ווי שבת — כאילו חלל את השבתות כו'.

ו. עפ"ז איז מובן וואָס רש"י איז מע־תיק בלויז די ווערטער „ששת ימים" און גיט דערביי ניט צו אפילו דעם וואָרט „וגו'": מיט דעם איז ער מדגיש אַז „ששת ימים" איז אַן אויסגעטיילטער ענין און סוג פאַר זיך — און דער המשך הכתוב „וביום השביעי גו'" איז ניט קיין המשך צו די „ששת ימים" (בכוונת הפסוק — מלאכה), נאָר אַ צווייטער סוג זמן וואָס איז אסור בעשיית מלאכה — און במילא איז „כל המחלל כו' וכל המקיים כו'".

ער איז אויך ניט מוסיף „תעשה מלאכה" — ווייל דאָס איז דאָך רשות[19] — און די אויסגעטיילטקייט פון ששת ימים און (שבת ו)מועדות איז אין איסור מלאכה,

אָדער: מיט „ששת ימים" — מיינט דאָ רש"י כללות הענין פון די ששת ימים — ע"ד ווי באַ „ועשו את האפוד", כנ"ל.

דערמיט איז אויך פאַרשטאַנדיק דער סדר אין רש"י — פריער „כל המחלל כו'" און דערנאָך „וכל המקיים כו'": וויבאַלד אַז דעם כללות'דיקן פאַרגלייך פון יו"ט צו שבת לערנט מען אָפּ פון „ששת ימים", כנ"ל, קומט אויס, אַז דער לימוד איז בנוגע חילול יו"ט: דער וואָס איז מחלל יו"ט מיט עשיית מלאכה — וואָס דערמיט איז ער עובר אויפן גדר און הגבלה פון „ששת ימים", אַריינגעמענדיק אין סוג ההיתר דעם זמן האסור וואָס איז מחוץ פון די „ששת ימים" — איז עס במילא „כאילו" ער וואָלט מחלל געווען שבתות; און מכלל לאו אתה שומע הן — פון דעם פאַרשטייט מען אַז „וכל המקיים את המועדות כו' כאילו קיים את השבתות".

ז. פון יינה של תורה אין דעם פרש"י:

עס איז ידוע וואָס חז"ל[20] זאָגן אויף

18) ועד"ז יל"פ בפרש"י ר"פ ויקהל (הנ"ל הערה 3) — דהכתוב מקדים „ששת ימים", דעשיית מלאכה אפשרית ומותרת רק במציאות זו ד„ששת ימים", ולכן מלאכת המשכן אינה דוחה את השבת.

19) וגם בר"פ ויקהל (ראה הערה 13) — כן הוא, כי הציווי דמלאכת המשכן בא בפסוקים שלאח"ז.

20) מכילתא — הובאה בדרשות ר' יהושע אבן שועב פרשת וישב, ובספר מנחה בלולה. ובמכילתא דרשב"י (יתרו כ, ט): כשם שנצטוו ישראל על מצות עשה של שבת כך נצטוו על המלאכה. ועל פי זה מובן בפשטות מאמר רז"ל בראשית רבה פט"ז, ה (ופליג בזה על הספרי עקב על הפסוק ולעבדו בכל לבבכם). וראה גם אבות דרבי נתן פי"א. רמב"ן ויקרא כה, ג. קונטרס ומעין מי"ט. — ועפ"ז מיושב

„ששת ימים תעבוד" — „זו מ"ע", ד. ה. אַז טאָן מלאכה בששת ימי החול איז ניט נאָר אַ זאַך וואָס איז מותר ע"פ תורה, נאָר — ס'איז אַ מצוה און אַ דרך אין עבודת ה' פון אַ אידן. וכידוע[21] אַז עס דאַרף זיין די הקדמה פון „בכל אשר תעשה" — מאַכן אַ כלי אין טבע — און דעמאָלט קומט „וברכך ה"א" — ברכת ה'.

אָבער לאידך — דער סדר ההנהגה איז נויטיג נאָר מצד דעם גוף הגשמי פון אַ אידן, די התלבשות פון דער נשמה אין גוף, וואָס מצד דעם העלם והסתר פון גוף דאַרף ער ע"פ תורה זיך פירן ווי ס'איז דער סדר ע"פ דרכי הטבע[22], ע"ד מאחז"ל: „אין סומכין על הנס"[23], „דינא דמלכותא דינא"[24], וכיו"ב.

משא"כ מצד דער נשמה פון אַ אידן, איז ניט בלויז ניטאָ די נויטיקייט ער זאָל אָנקומען צו עשיית מלאכה, נאָר אדרבה, עס דאַרף ניט זיין קיין מלאכה — וואָרום וויבאַלד די נשמה איז ניט בגדר הגוף וטבעו און איר „האָט מען אין גלות ניט פאַר טריבען"[25], זי איז העכער פון העלם והסתר העולם, שטייט זי „קמי מלכא"; און מצד דער דרגא — איז עשיית מלאכה בדומה פון „מאן דמחוי קמי מלכא וכו'"[26] —

ע"ד אַז אויב „יתפלל כל היום כולו"[27] — איז ער אסור במלאכה און אפילו ב„מחוי"[28] — כל היום כולו.

און דעריבער מאָנט זיך מצד הנשמה דער ענין פון „תשבות".

און דאָס זיינען די צוויי קצוות וואָס פאָדערן זיך אין דער עבודה פון אַ אידן: אין די „ששת ימים", וואָס דעמאָלט איז ער ע"פ תורה פאַרנומען אויך מיט עניני הגוף, איז „תעבוד" אַ מ"ע; אָבער אין די טעג פון שבת ויו"ט, ווען ביי אידן איז מאיר דער אור הנשמה, דעמאָלט דאַרף ער שטיין העכער פון גוף ועניניו וטבעו — איז במילא מובן, אַז דאַן איז ביי אים אָפּגעפרעגט דער ענין פון עשיית מלאכה[29].

און וויבאַלד די נשמה איז העכער פון גוף וגלות, ווירקט עס אויך סוכ"ס אויפן גוף, אַז ניט קוקענדיק אויף דעם וואָס

---

לשון רשאין בחולין (נד, ב. וראה שם רש"י ותוספות).

21) ספרי ראה טו, יח. נתבאר בהקדמה לדרך חיים. ספה"מ להצ"צ מצות תגלחת מצורע בסופה. קונטרס ומעיין מי"ז, מכ"ה. ועוד.

22) וראה ברכות לה, ב: הרבה עשו כו'.

23) ראה פסחים סד, ב. זח"א קיא, ב. קיב, ב.

24) גיטין י, ב. וש"נ

25) פתגם כ"ק אדמו"ר מוהרש"ב נ"ע — נדפס בסה"מ קונטרסים ח"א ע' 350. לקוטי דיבורים ח"ד תרצב, א.

26) ראה חגיגה ה, ב (וראה לקו"ש ח"ד ע' 1050 הערה 13). וראה הערה 29.

27) ברכות כא, א. וראה תניא פי"ג: דלא פסיק פומי' מגירסא כו' בחפיצה כו' כבינוני המתפלל כל היום כו'.

28) — בתפלה בכללה (הן תפילת העמידה והן ק"ש), ובמיוחד בתפלת העמידה — וכמ"ש במ"א אשר בתפלה צ"ל כעבדא קמי מרי' כו' לפני המלך (שבת י, א. שו"ע אדה"ז סו"ס צה. ועיין ברכות לג, רע"א: עומד לפני ממה"מ כו') בלי שום תנועות (להעיר משו"ע אדה"ז סי' קד ס"ב: עומד לפני המלך — אין לזוז ממקומו).

משא"כ בק"ש שו"מ מפני הכבוד כו' (ובפרט ע"פ הירושלמי ברכות פ"ב סה"א דנלמד ממש"נ ודברת בם) ומותר לקרוץ בעיניו וכמעשה דרב (יומא יט, ב). ומ"ש בשו"ע אדה"ז או"ח סי' סג ס"ז: הקורא ק"ש לא ירמוז וכו' — הרי מפורש הטעם (ארעי ולא קבע — ולא ביטול). וכן איתא שם דבפרשה שני' מותר לצורך מצוה קצת.

29) וזהו גם החילוק דשבת וששת ימי החול בכלל, כמבואר בכ"מ (המשך תרס"ו ע' כב. ועוד) דשבת — שבת מהצמצומים ומאיר גילוי אלקות שלא ע"י צמצום, ולכן אסור במלאכה דמאן דמחוי במחוג קדם מלכא, משא"כ בששת ימי החול.

**דער גוף געפינט זיך אין הגבלות וגלות זאָל ביי אים מאיר זיין דער תוקף הנשמה וואָס איז העכער פון גבול וגלות[30], ביז עס נעמט אַרויס דעם גוף אויך פון גלות כפשוטה, אין דער גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו בקרוב ממש.**

(משיחת ש״פ אמור תשל״ד)

30) ראה ג״כ לקו״ש ח״ג ע׳ 784. ועוד.